אויף תיכף ארויסצוגעבן: 6/23/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט MTA צו איינקויפן מער פון 300 מאדערנע פאסאנזשיר באן וואגאנען**

***באן וואגאנען צו געבויט ווערן אין ניו יארק סטעיט און שאפן הונדערטער נייע דזשאבס***

***M-9A וואגאנען פארבעסערן סערוויס פארלעסליכקייט און רעכנען אריין צוגענגליכקייט פארבעסערונגען***

***זעהט געמאלענע דעזיין פון נייע M-9A באן וואגאנען [דא](#)***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט אז די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA) פינאנץ קאמיטע האט באשטעטיגט די איינקויף פון M-9A פאסאנזשיר באן וואגאנען היינט, יוני 23. די באשטעלונג רעכנט אריין 316 M-9A וואגאנען — 160 פון די וואגאנען וועלן צוגעטיילט ווערן פאר די לאנג איילענד רעיל ראָוד'ס (Long Island Rail Road, LIRR) פלאטעס און 156 פאר די מעטראָו-נארט רעילראָוד (Metro-North Railroad).

"עס קומט זיך פאר ניו יארקער צו האבן א שנעלע, פארלעסליכע און באקוועמע טראנספארטאציע סיסטעם. מיר שטעלן דאס אהער היינט דורך די איינקויף פון מאדערנע באן וואגאנען פאר די LIRR און מעטראָו-נארט פלאטעס", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די פאסאנזשיר באנען זענען ווי א רעטונג שטריק פאר פאסאנזשירן אין איינס פון די וועלט'ס גרעסטע און מערסט פארנומענע טראנספארטאציע סיסטעם — דאס איז די וועג וויאזוי מיר זעצן פאר צו ערגרייכן רעקארד-הויכע צייטליכקייט ראטעס."

**MTA פארזיצער און CEO, Janno Lieber (דזשענאָו ליעבער), האט געזאגט,** "מיר זוכן צו קויפן כמעט 2,000 באן וואגאנען אלס טייל פון די נייע אינפראסטרוקטורישע פלאן – 10.9 ביליאן דאלאר אין ווערט – און די באשטעלונג פאר איבער 300 גיבט אונז א שטארקע אנהויב. איך וויל באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר ארבעט צו פארזיכערן די פינאנצירונג וואס האט דאס ערמעגליכט."

**MTAMTA הויפט פון באן וואגאנען פראגראם (Rolling Stock Program), Tim Mulligan (טים מאליגען), האט געזאגט,** "די MTA איז די גרעסטע קליענט פון באן וואגאנען אין צפון אמעריקע, און מיר באנוצן זיך מיט שעפערישע מעטאדן צו אראפברענגען די קאסטן און צייט ווי לאנג עס נעמט צו באקומען די וואגאנען. דורכן ארויפבויען אויף די פארלעסליכע דעזיין פון פריערדיגע וואגאנען, האבן מיר געקענט ארבעטן מיט די קאנטראקטאר צו דורכפירן די ארבעט בעסער, שנעלער און ביליגער."

**לאנג איילענד רעיל ראָוד פרעזידענט, Rob Free (ראַב פרי), האט געזאגט,** "א דאנק די רעקארד-הויכע צייטליכקייט ראטעס און די פארמערטע סערוויס וואס איז געקומען צוזאמען מיט די עפענונג פון גרענד צענטראל מעדיסאן, זעצט די צאל LIRR פאסאנזשירן פאר זיך צו פארמערן. עס קומט זיך פאר אונזערע פאסאנזשירן צו האבן מאדערנע באן וואגאנען וועלכע וועלן פירן צו אפילו מער פארלעסליכע סערוויס און פארבעסערן די ערפארונג פון פאסאנזשירן פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

**מעטראָו-נארט רעילראָוד פרעזידענט, Justin Vonashek (דזשאַסטין וואנעשעק), האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט פאר אונזערע פאסאנזשירן צו באקומען די ערפארונג פון אפילו מער פארלעסליכע סערוויס איינמאל די M-9A באן וואגאנען שליסן זיך אן אין אונזער פלאטע. מיר זענען פארפליכטעט צו צושטעלן די בעסטע פאסאנזשיר ערפארונג יעדן טאג אויף יעדע רייזע אויפן מעטראָו-נארט."

די ערשטע פראבע וואגאנען וועלן אהערגעשטעלט ווערן דורך Alstom Transportation אין 2029 און וועלן צום ערשט אריינגיין אין דינסט פאר LIRR פאסאנזשירן אין 2030. אלע וואגאנען וועלן פארענדיגט ווערן ביז 2032. די M-9A וואגאנען זענען נויטיג צו ערזעצן מעטראָו-נארט'ס M-3 וואגאנען, וועלכע האבן שוין איבערגעדינט זייערע יארן, און אזוי אויך צו ערלויבן פאר די LIRR צו ארויסנעמען אירע M-3 וואגאנען פון דינסט נאכדעם וואס די באנוץ מיט די וואגאנען איז אויסגעברייטערט געווארן צו אקאמאדירן די צוגעלייגטע סערוויס מיט די עפענונג פון גרענד צענטראל מעדיסאן. די באן וואגאנען וועלן פארן אין LIRR עלעקטרישע טעריטאריעס און אויף די מעטראָו-נארט האדסאן און הארלעם ליניעס.

די באשטעטיגונג בויט ארויף אויף די MTA'ס אנגייענדע באמיאונגען צו מאדערניזירן איר גאנצע פלאטע פון וואגאנען. די M-9A וואגאנען קומען מיט גלאזענע פענסטער, USB טשארדזשינג שאלטערס און צוגענגליכקייט פארבעסערונגען, אריינרעכענענדיג אויטאמאטישע טירן פאר בית הכסא'ס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן